בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטפאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' פ' במדבר | כ"א אייר | תשע"א | פסחים: נ"ע.

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכט בעת דער רבי שליט"א האט געוויילט אין וויליאמסבורג צו געזעגענען דעם ציבור, איז געקומען צום רבין שליט"א האדמו"ר מ'בית יצחק ספינקא שליט"א לרגל די שידוך שליסן פון בתו הכלה למז"ט עב"ג החתן בן הרה"ק ר' קלמן יושע אשכנזי שליט"א בן האדמו"ר מ'סטאניסלאוו שליט"א פון לאנדאן, מצויני תלמידי ישיבתיה"ק, ווי עס איז פאהרגעקומען א לחיים לרגל די שמחה אינאיינעם מיט די חתן כלה און שושבינון.

࿐•࿐

היינט פארמיטאג זענען די תלמידי ישיבת מיר פון פלעטבוש געקומען צו מרן רבינו שליט"א אויף א פארהער אין זייערע לימודים, און דערנאך האט דער רבי שליט"א געגעבן ברכת קדשו פאר די בחורים.

࿐•࿐

## מוסד הק' "נטרונא" פראקטיצירט גרויסער קידוש ה'

אין די איצטיגע היציגע טאג, ווען די פאליטישע גויא'שע וועלט קאכט ארום וועגן די שטחים אין ארה"ק וועכלער דער אמעריקאנער פרעזינדענט יר"ה האט פארלאנגט פונעם ראש הכופרים ביבי נתניהו צוריקצוגעבן פאר די אראבער למען השלום – ווי שוין פאראויסגעזעהן דורך די הייליגע אויגן פון מרן רביה"ק זי"ע בעל דברי יואל מיט 40 יאהר צירוק – , גייען אהן די פארשידענע א.ג. אידישע ארגענעזאציע'ס – אינאיינעם מיט די ציוניסטישע פראפאגנדע מאשינען –מיט א שענדליכער התגרות באומות ר"ל וואס איז שוין לאנג נישט געזעהן געווארן, טראפייטער'נדיג אקעגן דעם פרעזינדענט און דאס עצם רעיון פון צירוקגעבן שטחים.

אין די דאזיגע צייטן ווען די פארבלענדעניש איז גרויס, און זייערע נאכאנאנדע פראפעגאנדע'ס מאכען אויסקוקן פאר די דרויסענדיגע וועלט כאילו אט די ארגענעזאציע'ס אינאיינעם מיט די ציוניזסטישע פרעסע פארטרעטן ח"ו כלל ישראל, האט די הייליגע מוסד "נטרונא" ווידער אונטערגענומען די גאהר קאסטבארע אבער נאבעלע אקטן פון מקדש זיין דעם שם שמים פאר די דרויסענדע'ר גאס, און פראקלימירן פאר די גויא'שע וועלט אז "ציונות פארטרעהט חלילה נישט די תורה'דיגע ערליכע אידנטום", דורך לופטערן די מעסעדשע'ס אויף די נייעס סטאנציע'ס אד"ג.

זעלסט פארשטענדליך, אז די מעשי קידוש ש"ש ציהט אריין אין גאהר גרויסע הוצאות, איז ערווארטעט פון אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר, צו שטיצן דעם הייליגן מוסד וועלכער זאמעלט געלט אין די טעג פאר אט די חשובע און גאהר וויכטיגע צוועק.

*-לקדש שם שמים-*

## שיינע באזוך אין מוסדותינו הק' אין בני ברק דורך רב פעלים הרב שלמה באמבערגער שליט"א פון לאנדאן

פארגאנגענעם מאנטאג העעל"ט האבן די סאטמארער מוסדות אין ב"ב ענטפאנגען מיט גרויס שעצונג דעם חשוב'ן גאסט הרבני הנכבד עסקן נמרץ פאר די מוסדות הק' על טהרת הקודש אין ארץ ישראל ה"ה הרב שלמה באמבערגער שליט"א פון לאנדאן יע"א, דער גרינדער פון די מיידל סקול על טהרת הקודש "חכמת לב" אין ירושלים, און מנהל פון די מיידל סקול על טהרת הקודש "אוהל חנה" אין קרית ספר.

דער חשוב'ער עסקן און כלל-טוהער ר' שלמה שליט"א איז אַ נאנטער תלמיד פון דעם בריסק'ער ראש ישיבה הגאון הצדיק לוחם מלחמת ה' רבי משולם דוד סאלאווייטשיק שליט"א, פון וועמען ער האט מקבל געווען דעם ברען צו שטיין צום הילף פאר די הייליגע מוסדות'ער אין ארץ ישראל וועלכע פיהרן זיך מיטן חינוך הטהור.

לעצטנ'ס האט דער חשוב'ער עסקן ר' שלמה הי"ו גענומען אויף זיך אַ הייליגע תפקיד צו שטיצן מיט קליידונג וכדו' די גרעסערע משפחות נצרכות אין ארה"ק וואס די עלטערן לאזן זיך קאסטן מיט מסי"נ טייערע הוצאות שכר לימוד אויף צו קענען שיקן די קינדער דייקא אין די כשר'ע מוסדות'ער, טראץ וואס אנדערע שפארן זיך דאס איין מיטן שיקן זייערע קינדער ליידער נתחנך צו ווערן ביי די מוסדות פון חינוך עצמאי וואו די הוצאות שכר לימוד איז אסאך קלענער.

אצינד איז דער חשוב'ער גאסט הי"ו געקומען קיין ארץ ישראל צוזעהן און מחזק זיין פון די נאנט די ערליכע מוסדות וועלכע פיהרן זיך אויפן חינוך הטהור אן קיין שום פשרות שבעולם, דעריבער איז ער געקומען באזוכן די סאטמארער מוסדות הק' אין בני ברק יצ"ו וועלכע זענען די איינציגסטע אין שטאט וואס די תשב"ר ווערן נתחנך טאקע אויפן ריכטיגן חינוך הטהור אן קיין מינדעסטע שטיצע אפי' נישט פון די שטאטישע אינסטאנצן א.א.וו. און מ'איז זיך מתנזר פון די אומריינע געלטער בכל מכל כל.

דער חשוב'ער גאסט הי"ו איז אויפגענומען געווארן אין די מוסדות דורך דער געטרייער חבר הנהלה און רוח החיים הרה"ח ר' יחזקאל ראטער הי"ו וועלכער האט איהם ארומגעפיהרט אין די תלמוד תורה צווישן די צענדליגע קלאסן, ר' שלמה איז זייער שטארק נתפעל געווארן פון די רב הכמות צוזעהענדיג אזא ריזן צאל תשב"ר ווען יעדע קלאס איז געטאפלט און פיהל מיט צאן קדשים, און אזוי אויך האט ער – זייענדיג אַ שיינער תלמיד חכם - מיטגעהאלטן מיט אַ תענוג רוחני די רב האיכות פארהערנדיג די קינדער פון די עלטערע קלאסן און הערנדיג זייערע שיינע און קלארע בקיאות אין די לימודים וואס ווייזט אויף די געוואלדיגע השקעה וואס ווערט אין זיי אריינגעלייגט.

נאכדעם איז ר' שלמה הי"ו אריינגעגאנגען אין די ישיבה אפצונעמען שלום פון דער ראש ישיבה שליט"א וואו ס'איז פארברענגט געווארן אַ שיינע שמועס איבער די שווערע מצב פון די ערליכע מוסדות אין ארה"ק, דאן האט איהם דער ראש ישיבה געזעגנט מיט ווארימע ברכות ער זאל קענען ווייטער אנגיין מיט די עבודת הקודש ברוב אונים ואמיץ כח.

❧•☙

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**